# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

תשפ"א | פרשת חיי שרה | 356

## מאוצרות אמונים
## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### זייער זכותם זאל אונז ביישטיין

**"בְּמִבְחַר קְבָרֵינוּ קְבֹר אֶת מֵתֶךָ אִישׁ מִמֶּנּוּ אֶת קִבְרוֹ לֹא יִכְלֶה מִמְּךָ מִקְּבֹר מֵתֶךָ"** (כג ו)

דער **בעל הטורים** ברענגט אז די ווארט 'יִכְלֶה' ווערט נאכאמאל געברענגט אין תנ"ך, אין פסוק (משלי כב ח): "וְשֵׁבֶט עֶבְרָתוֹ יִכְלֶה".

א וואונדערליכער ערקלערונג צו פארבינדן די צוויי פסוקים זאגט **רבי אריה לייב צינץ**:

אונזער עקזיסטענץ אין די פינסטערניש פון גלות איז דורך די כח התפילה פון די אבות הקדושים וואס דאווענען אויך אונז אין הימל ביזן היינטיגן טאג (זעה ב"מ פה ב). אויך אלע אונזערע תפילות גייען ארויף אין הימל דורך די מערת המכפלה וואו דארט זענען זיי באערדיגט ('ילקוט ראובני' אין אונזער פרשה אין נאמען פון 'מגלה עמוקות'). קומט אויס אז די פלאץ וואו די אבות זענען דארט באערדיגט וואס איז אפגעקויפט געווארן ווען עפרון האט געזאגט: "איש ממנו לא יכלה ממך מקבור מתיך" און זייער תפילה דארט אויף אונז, העלפט אונז מיר זאלן גערעטעוועט ווערן פון שוועריקייטן זייענדיג אין גלות, אזוי ווי עס שטייט: "וְשֵׁבֶט עֶבְרָתוֹ ["די נאגייקע וואס ער שלאגט און שמייסט מיט דעם" ('מצודת דוד' משלי שם)] יִכְלֶה".

'מלא העומר'

### א תפילה אזוי ווי 'דרך המבקשים', וויאזוי?!

**"וַיֹּאמֶר אָחִיהָ וְאִמָּהּ תֵּשֵׁב הַנַּעֲרָ אִתָּנוּ יָמִים אוֹ עָשׂוֹר אַחַר תֵּלֵךְ"** (כד נה)

"'יָמִים' - שנה ... 'אוֹ עָשׂוֹר' - עשרה חדשים. ואם תאמר 'ימים' ממש, אין דרך המבקשים לבקש דבר מועט - ואם לא תִרְצֶה תן לנו מרובה מזה" (רש"י).

**רבי אברהם יצחק שיין** ר"מ ישיבת 'תפארת ירושלים' אין סטעטן איילענד לייגט צו:

לויט וואס רש"י זאגט אז די 'דרך המבקשים' איז צו בעהטן באלד אין אנהויב א גרויסע זאך, קענען מיר פארשטיין פארוואס אסאך פון אונזערע תפילות הייבן זיך אן מיט א גרויסע בקשה און טוהן פארזעצן מיט א קלענערע בקשה; אזוי ווי די ברכה פון 'שומע תפילה', אין אנהויב בעהטן מיר א כלליות'דיגע בקשה: "וקבל ברחמים וברצון את תפילתנו", און באלד לייגן מיר צו, אויך אויב דו וועסט נישט אננעמען אונזער בקשה אינגאנצן, כאטש: "ומלפניך מלכנו ריקם אל תשיבנו". אזוי אויך, ביי די בקשות פון 'אבינו מלכנו' בעהטן מיר: "קבל ברחמים וברצון את תפילתנו", און שוין לייגט מען צו, אז צום וויייניגסטנ'ס: "אל תשיבנו ריקם מלפניך". דאס זעלבע איז אויך ביי 'שמע קולנו' וואס מ'זאגט אין די סליחות טעג, מיר הייבן אן מיט א גרויסע בקשה: "השיבנו ה' אליך ונשובה", און מיר טוהן פארזעצן מיט א קליינע בקשה אז צום וויייניגסטנ'ס: "אל תשליכנו מלפניך".

'ברכת איש'

### דער יצר ווערט ווי א 'עבד'

**"וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל; וַיֹּאמֶר אַבְרָהָם אֶל עַבְדּוֹ זְקַן בֵּיתוֹ הַמֹּשֵׁל בְּכָל אֲשֶׁר לוֹ שִׂים נָא יָדְךָ תַּחַת יְרֵכִי"** (כד א-ב)

די סופי תיבות "זקן **בא בימים**" איז 'אמן'. דיך צו לערנען אז ענטפערן אמן ברענגט אריכות ימים, אזוי ווי די חכמים זאגן (ברכות מז א): "כל המאריך באמן מאריכין לו ימיו ושנותיו" ('תוספות השלם').

צו דעם האט צוגעלייגט **חכם מנחם מנשה** פון ירושלים אז דער המשך הפסוק: "וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל", לערנט אונז, אז דער מענטש וואס איז מקפיד צו ענטפערן אמן איז זוכה צו שפע, ברכה, הצלחה, קינדער, גליק און רייכטום און אלעס גוט'ס.

ווי א המשך צו דעם קען מען אויך טייטשן דעם קומענדיגן פסוק: "וַיֹּאמֶר אַבְרָהָם אֶל עַבְדּוֹ זְקַן בֵּיתוֹ הַמֹּשֵׁל בְּכָל אֲשֶׁר לוֹ שִׂים נָא יָדְךָ תַּחַת יְרֵכִי"; 'אברהם' איז בגימטריה רמ"ח, דיך צו לערנען אז דער וואס ענטפערט אמן בכל כוחו, ד.מ. מיט אלע זיינע רמ"ח איברים, איז זוכה מכניע זיין אונטער זיך דעם יצר וואס ווערט אנגערופן 'מלך זקן וכסיל', און געוועלטיגן אויף אים ווי א האר אויף זיין קנעכט. און נישט נאר דאס, נאר דער יצר וועט אויך אויספאלגן די בקשה פון זיין האר 'שים נא ידך תחת ירכי' און וועט אים צוהעלפן צו טון דעם רצון פון ה' גרינג און שנעל.

'אהבת חיים'

### א תפילה פון א 'אדם גדול'

**"וַתִּשָּׂא רִבְקָה אֶת עֵינֶיהָ וַתֵּרֶא אֶת יִצְחָק וַתִּפֹּל מֵעַל הַגָּמָל; וַתֹּאמֶר אֶל הָעֶבֶד מִי הָאִישׁ הַלָּזֶה הַהֹלֵךְ בַּשָּׂדֶה לִקְרָאתֵנוּ..."** (כד סד-סה)

"זי האט געזען אז זיין האנט איז אויסגעשטרעקט ביים דאווענען, האט זי געזאגט: זיכער איז ער א אדם גדול, וועגן דעם האט זי זיך נאכגעפרעגט אויף אים" (ב"ר ס טו).

פון דער מדרש האט דער משגיח **רבי משה בנימין בערנשטיין** זיך ארויסגעלערנט אז דער וואס ווייסט צו דאווענען ווי עס דארף צו זיין איז פאסיג צו דעם טיטול: 'אדם גדול'. און טאקע אזוי, מיר טרעפן אויך אז די חכמים (מגילה כז א) האבן אזוי אויסגעטייטש דעם פסוק (מלכים ב' כה ט): "בית גדול" - די כוונה איז "מקום שמגדלין בו תפלה".

'מעלות התפלה'

### דער אונטערשייד צווישן 'שחלק' און 'שנתן'

**"וְלִבְנֵי הַפִּילַגְשִׁים אֲשֶׁר לְאַבְרָהָם נָתַן אַבְרָהָם מַתָּנֹת וַיְשַׁלְּחֵם מֵעַל יִצְחָק בְּנוֹ"** (כה ו)

"פירשו רבותינו (סנהדרין צא א): שם טומאה מסר להם" (רש"י).

מיר האבן געלערנט אין א ברייתא (ברכות נח א): "הרואה חכמי ישראל - אומר: 'ברוך **שחלק** מחכמתו ליראיו', חכמי אומות העולם - אומר: 'ברוך **שנתן** מחכמתו לבשר ודם'". אסאך פרעגן פארוואס אויף חכמי ישראל זאגט מען דעם לשון 'שחלק', און אויף די אנדערע פעלקער זאגט מען 'שנתן'?

ערקלערט דער **ט"ז**:

עס איז פארהאן א אונטערשייד צווישן 'חלוקה' און 'נתינה': 'חלוקה' איז טייטש אז דער וואס געבט צוטיילט זיך מיט א צווייטן וואס ער האט, דאקעגן, 'נתינה' באדייט אז די זאך וואס ער האט אוועק געגעבן האט שוין נישט קיין שייכות צו אים. וועגן דעם האט די תורה געשריבן אז אברהם 'נתן' פאר די בני הפלגשים א 'שם טומאה' און זיי פארשיקט אויף אייביג, אבער יצחק וואס האט זיך מדבק געווען אין די קדושה פון אברהם איז געבליבן נעבן אים.

אויך ביי די נוסח הברכה קען מען אזוי ערקלערן: די חכמי ישראל וואס זענען דבוק אין באשעפער, טיילט זיך כביכול מיט זיי פון זיין חכמה, וועגן דעם זאגן מיר אויף זיי: 'שחלק מחכמתו', אבער די חכמי אומות העולם וואס זייער חכמה איז אינגאנצן אפגעטיילט פונעם אייבערשטנ'ס חכמה, אזוי ווי די 'שמות טומאה' וואס די בני הפלגשים האבן באקומען, דעריבער זאגט מען אויף זיי דער לשון 'שנתן'.

'טורי זהב' או"ח רכד א

### 'עשרה גמלים' משלים זיין דער מנין

**"וַיִּקַּח הָעֶבֶד עֲשָׂרָה גְמַלִּים מִגְּמַלֵּי אֲדֹנָיו וַיֵּלֶךְ וְכָל טוּב אֲדֹנָיו בְּיָדוֹ וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ אֶל אֲרַם נַהֲרַיִם אֶל עִיר נָחוֹר"** (כד י)

**רבי מרדכי חרש** פון די דיינים אין מעזריטש זאגט:

אליעזר האט דירעקט גענומען "מִגְּמַלֵּי אֲדֹנָיו", כדי די ערליכע קנעכט פון אברהם וואס וועלן זיי פירן זאלן זיך מצטרף זיין צו אים צו קענען דאווענען מיט מנין אויפן וועג. וועגן דעם איז זיין שליחות אריבער מיט הצלחה, און זיין תפילה צו טרעפן די ריכטיגע זיווג פאר יצחק אנגענומען געווארן, ווייל א תפילה וואס ווערט געדאווענט מיט א מנין איז זייער מסוגל עס זאל אנגענומען ווערן. אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (ברכות ו א), אז ווען צען מענטשן נעמען זיך צוזאם דאווענען צוזאמען, נאך בעפאר זיי קומען קומט שוין די שכינה פריער, און ווייל זיי האבן צוגעברענגט מקדים זיין די השראת השכינה, ווערט זייער תפילה שנעל אגענומען.

אויף דעם איז דער פסוק מרמז: "וַיִּקַּח הָעֶבֶד עֲשָׂרָה גְמַלִּים מִגְּמַלֵּי אֲדֹנָיו" כדי ער זאל קענען דאווענען מיט מנין, און אין דעם זכות: "וַיֵּלֶךְ וְכָל טוּב אֲדֹנָיו בְּיָדוֹ" - האט ער מצליח געווען צופרידן שטעלן זיין האר.

'קהלות ישורון' [פיורדא תק"ל]



### דורך ענטפערן אמן אויף די ברכות ביי 'חזרת הש"ץ' ווערט די תפילה אנגענומען

טייערער איד! ווען דו ענטפער'סט אמן אויף די חזרת הש"ץ, ביזסטו פארזיכערט אז דיינע הארץ באגערן וועלן ערפילט ווערן און די בקשות וואס דו וועסט דעמאלטס בעטן וועט אנגענומען ווערן. ווייל אזוי שרייבט **רבינו יונה גירונדי** אין **'אגרת התשובה'** (אות ו):

**"ווען דער שליח ציבור זאגט איבער די הויכע שמו"ע, דארף מען ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה. אזוי אויך, אינזין האבן ביי יעדע ברכה כדי צו וויסן אויף וואספארא ברכה ענטפערט ער אמן און דורך דעם באקומט ער א דאפלטע שכר, און עס ווערט גערעכנט ווי ער וואלט געדאווענט צוויי מאל איינס נאכן צווייטן, און חז"ל זאגן אין מדרש אויב דו האסט געדאווענט... און דו האסט נאכאמאל געדאווענט, וועט דיין תפילה אנגענומען ווערן".**

לכבוד יומא דהלולא פון רבנו יונה גירונדי - זונטיק כ"ח חשון

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר
פון דאווענען

## די ברכה 'פוקח עורים'

### דער כח פון 'זען' וואס ווערט באנייט

נאך וואס מיר האבן געלויבט דעם אייבערשטן אויף דעם וואס מיר זענען באשאפן געווארן אלץ אידן וואס די תורה און מצוות באלייכטן אונזער וועג, לייגן מיר צו א סעריע פון ברכות וואו מיר לויבן אויף די אלע גוט'ס וואס הקב"ה שענקט אונז טאג טעגליך אין אונזער לעבן.

זאגן די ברכות ברענגט אונז צו מיר זאלן באקומען א געוואלדיגע ליכטיגקייט אויף די פילצאליגע טובות און חסדים וואס הקב"ה טוט מיט אונז יעדן טאג פון דאסניי, איינערקענען און פילן, און מיר זאלן חלילה זיי נישט באטראכטן ווי די טבע. כאטש עס זענען דא אסאך איינצעלהייטן וואס זען אויס ווי א קייט פון געווענליכע פעולות וואס ווערן געטון יעדן אינדערפריה ווי פון זיך אליינ'ס, אבער באמת ווערן זיי באנייט אויף אונז יעדן טאג נאר צוליב השי"ת'ס רחמנות און זיינע חסדים. דורך זאגן די ברכות מיט כוונה ווערן מיר נתעורר זיי צו באמערקן און לויבן דעם אייבערשטער אויף דעם וואס ער טוט מיט אונז די חסדים.

דער נוסח פון די ברכה 'פוקח עורים' איז געבויעט אויפן לשון הפסוק (תהלים קמו ח): "ה' פוקח עורים", און זיין באדייט: בשעת'ן שלאפן ארבעט נישט די כח הראיה, זיינע אויגן-דעקלעך ווערן פארמאכט און ער איז ווי א בלינדער, און ווען ער שטייט אויף פון שלאף, און עפנט זיינע אויגן און דער כח פון זען ווערט באנייט, איז ער ווי א בלינדער וואס זיינע אויגן האבן אנגעהויבן זען, און ער דארף לויבן הקב"ה אויף דעם וואס זעהונג'ס קראפט איז אים צוריק געקומען ('אבודרהם' השכמת הבוקר וברכות השחר).

דאס איז דער פלאץ אנצייכענען אז אנדערשט פון די חוש הראיה וואס איז נישט אקטיוו בשעת'ן שלאפן, איז די חוש השמיעה יא ווייטער אקטיוו, אזוי ווי מיר זעהן קלאר און אפן אז ווען עס ווערט געהערט אז שטארקע גרודער וועקט זיך אויף יעדער מענטש. מיט דעם האט הגרש"ז אויערבאך ערקלערט די סיבה פארוואס די חכמים האבן נישט כולל געווען אין די ברכות השחר א ספעציעלע לויב אויף די כח השמיעה, אזוי ווי זיי האבן מתקן געווען אויף די 'ראיה' ('הליכות שלמה תפילה פכ"ב הע' 97).

### די וואונדער פון די זעהונג'ס קראפט

עס האט דערציילט הגר"י זילבערשטיין שליט"א: אין די תקופה וואס איך האב געלערנט אין די סלאבאדקא ישיבה האב איך אויפגעכאפט אז איינער פון מיינע חברים א בן עליה, יעדן טאג, א קורצע צייט פארן דאווענען שטייט ער אויף און גייט ארויס פון ישיבה, און ארום א פערטל שעה שפעטער איז ער צוריק געקומען צום דאווענען. עס איז מיר געווען זייער אויפפאלנד, ביז אין ענדע בין איך געוואר געווארן דעם אינטערעסאנטן פאקט: אין די בודקע פון דער וועכטער ביי די ארייגאנג צו די דערנעבנדיגן פאבריק 'דובק', איז שטענדיג געזיצן א בלינדער וואס ער איז געווען באאויפטראגט אויף די טעלעפאן סיסטעם פון די פאבריק. דער בחור איז יעדן טאג געגאנגען כאפן א בליק אויפן בלינדער און דורך דעם איינערקענען די אויסטערלישע מתנה פון קענען 'זעהן' וואס ער האט באקומען פון הימל, און נאכדעם צוריק גיין אין בית המדרש און זאגן די ברכה 'פוקח עורים' מיט גרויס כוונה ('טובך יביעו', תזריע)

און טאקע אזוי, כדי צו לויבן ווי עס דארף צו זיין אויף די וואונדערליכע כח הראיה, ליגט אויף אונז זיך מתבונן זיין כאטש אביסל אין דעם: מיר וועלן אנהייבן מיט די פאקט אז דער חוש הראיה צושפרייט זיך די מערסטע מער פון אלע חושים; דער חוש הדיבור, צי שמיעה און ריח זענען באגרעניצט אויף גאנץ א קליינע געגנט ארום, אבער די אויגן זענען מסוגל צו זען ווייט אוועק.

אויסער דעם, די כח הראיה נעמט אין זיך אריין זייער אסאך; אין געציילטע סעקונדעס קען דער מענטש זען אן א צאל איינצעלהייטן, וואס אפילו אויב ער וועט זיי וועלן שילדערן וועט עס נעמען אסאך צייט. כדי זיך אויסמאלן די זאך לאמיר נאר טראכטן וויפיל צייט וועט אונז נעמען כדי צו שילדערן אויף קליינע פרטים די פאנאראמע וואס מיר זען ווען מיר קוקן אראפ פון א הויכע טורעם ('נפש שמשון' סידור התפלה).

די אויג אליין איז באשאפן מיט גאר א וואונדערליכע חכמה, אז אויך גרויסע אויספארשער זענען נאכנישט דערגאנגען אלע אירע שטריכן, אזוי ווי דער 'חזון איש' שרייבט אין אנהויב פון זיין ספר 'אמונה ובטחון': "וויפיל חכמה ליגט אין די אויג, עס וועט נישט זאט ווערן די אויג פון צו זעהן און די אויער פון צו הערן, און יעדן דור עקסטער לייגן צו די קלוגע לייט נאך עטליכע זאכן איבער די טיפע חכמה וואס ליגט באהאלטן אין די בריאה פון די אויג, אבער צו איר ענדע דערגרייכן זיי נישט".

נאך שרייבט דער 'יסוד ושורש העבודה': "ביי די ברכה 'פוקח עורים' זאל ער עפענען די אויגן ביי די ענדע פון די ברכה. כאטש וואס דער מענטש זאגט די אלע ברכות מיט פארמאכטע אויגן, אבער ביי די ענדע פון די ברכה זאל ער עפענען די אויגן, און זאל אינזין האבן צו ווייזן דעם אייבערשטנ'ס שטארקייט מיטן באשאפן די אויגן, **אז ער קען עפענען און פארמאכן די אויגן ווען ער וויל**, וואס דאס איז א וואונדערליכע חכמה וואס ליגט אין די גליד, אויסער די געוואלדיגע און וואונדערליכע חכמה אז פליישיגע אויגן זאלן אזוי שטארק לייכטן...".

### הכל בחזקת סומין

אין מדרש (ב"ר נג יד) ווערט געברענגט: "אמר רבי בנימין הכל בחזקת סומין עד שהקדוש ברוך הוא מאיר את עיניהם". דער 'חידושי הרי"מ' לערנט פון דעם אז אין אונזער וואונדערליכער וועלט וואס הקב"ה האט באשאפן, אלעס וואס עס פעלט אויס צו אונזער לעבן האט ער שוין פון פריער צוגעגרייט, נאר מיר באמערקן עס נישט ביז דער אייבערשטער עפנט אונזערע אויגן מיר זאלן עס זען ('שפת אמת' חוקת תרנ"ט).

אין ספר 'סדר היום' (סדר ברכות השחר) שטייט אז ביי די ברכה זאל מען אויך אינזין צו בעטן אז אונזערע אויגן זאלן זיך עפענען נאר צו זען גוטע זאכן, און עס זאל אונז אפהאלטן פון צו זען וואס מ'טאר נישט.

אזוי ווערט אויך געברענגט אין 'שיחות החפץ חיים' (עמ' קטו), ווייל ווען מיר זאגן די ברכה 'פוקח עורים' רופן מיר אויס אז הקב"ה אליין עפנט אונזערע אויגן, דאס איז אונז מחייב זיך אויפפירן לויט דעם; זיך באנוצן מיט אונזערע אויגן נאר אויף א מצוה און נישט חלילה זיך מתבונן זיין אויף זאכן וואס ברענגט צו זינדיגן, אזוי ווי מיר זענען אנגעווארנט (במדבר טו לט): "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם".

### א בלינדער זאגט די ברכה?

די ראשונים קריגן זיך ארום אין די גדר פון די ברכות השחר: לויטן רמב"ם (תפילה ז ז-ט) האט מען זיי מתקן געווען אויף די הנאה פון דער וואס זאגט די ברכה, און וועגן דעם דער וואס האט נישט הנאה געהאט פון דער ענין וואס מ'לויבט אין די ברכה קען עס נישט זאגן. אבער דער רמב"ן (פסחים ז ב ד"ה והא) קריגט און האלט אז די ברכות האט מען מתקן געווען אויף די אלגעמיינע הנאה, און אפילו דער וואס האט נישט א הנאה פון דער ענין וואס מ'לויבט אין די ברכה קען זאגן די ברכה.

די אחרונים זאגן אז אין די צוויי שיטות איז געוואנדן דער דין צי א בלינדער קען זאגן די ברכה 'פוקח עורים'; לויט דער רמב"ם וואס די ברכה האט מען מתקן געווען אויף די הנאה פון דער מברך, קען נישט דער בלינדער זאגן די ברכה, ווייל ער האט דאך נישט קיין הנאה פון זיינע אפענע אויגן. דאקעגן, דער רמב"ן וואס האלט אז דאס איז א כלליות'דיגע ברכה, קען דער בלינדער זאגן די ברכה (לבוש מו ח; אליה זוטא שם ו. לעניין הלכה ראה משנ"ב שם כה).

**בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם פּוֹקֵחַ עִוְרִים** - אויף דעם וואס דו האסט געעפנט מיינע אויגן וואס זענען געווען פארמאכט ביים שלאפן.
**אָמֵן - אמת** אז אויף אונז ליגט צו לויבן ה' אויף דעם וואס ער עפנט אנזערע אויגן ווען מיר שטייען אויף פון שלאף.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## פייער אין 'כפר אורנים'

דאס איז א וואונדערליכע און א אטענטישע ערציילונג וואס איז דערציילט געווארן ערשט האנטיג דורך דער בעל המעשה הרב ר. שליט"א פון מודיעין עילית. הרב ר. האט זוכה געווען אויפשטעלן א ספעציעלע כולל אין די דערנעבנדיגע שטאט מודיעין און איז עוסק צו מקרב זיין די יונגטליכע וואס לערנען אגאנצן טאג אין די נישט היימישע שולע'ס, דורך צושטעלן פאר זיי חשובע יונגעלייט וואס געבן אוועק פון זייער טייערע צייט צו לערנען מיט די יונגע בחורים'לעך, דורך דעם קענען זיי משלים זיין און פארברייטערן זייערע ידיעות אין תורה און מצוות.

די אקטיוויטעטן האט מיטן אייבערשטנ'ס הילף זוכה געווען צו א אויסערגעוויינליכע הצלחה, ווען דער שטארקער קניפ וואס ווערט געשאפן צווישן די יונגעלייט און די תלמידים ברענגט ספעציעלע גוטע פירות, און איז משפיע לטובה אויף זייער צוקונפט און די צוקונפט פון זייערע פאמיליע'ס.

*

הושענא רבה אינדערפריה - ערב שמחת תורה אין די עיר התורה מודיעין עילית. די קאראנע ווירוס האט צוגעברענגט אז יעדער האט זיך באהאלטן ביי זיך אין די הייזער צוזאמען מיט די פאמיליע'ס, און לויט אסאך מיינונגען האט דאס צוגעברענגט אז די אויסערגעווענליכע שמחה פון יו"ט סוכות איז מער געקומען פון הארץ און איבערגעגאסן אויף אינדרויסן, א ספעציעלע געפיל פון א יו"ט וואס איז כולו קודש לה' - וואס וועט אייביג געדענקט ווערן.

די מתפללים אין די 'ותיקין' מנין, וואס זענען אויפגעשטאנען פריה אין דעם טאג אזוי ווי דער מנהג איז שוין פון דורי דורות, זענען שוין צוריק פון דאווענען, ווען אין די הענט טראגן זיי די אויפגעבינדענע לולבים, און די אויסגעקלאפטע ערבות, און זייערע אויגן שטראלן פון א שמחה לגמרה של מצוה.

זיי גייען אריין אין די סוכה צו טרינקען א קאווע, אבער... א שארפע גערוך פילט זיך אין די לופט, אוי, וואס איז דאס?!

א בליק אויף די בערג אין דרום זייט נישט ווייט ערקלערט אלעס. פלאמען ביז צו די הימל באלאגערן די באוואקסענע פעלדער וואס דעקן צו די בערג פון ארום, נאך עטליכע הייסע טעג וואס האט צוגעברענגט אז דיביימער זענען געווארן ברען-שטאף. מיט די הילף פון די מזרח ווינט וואס האט געבלאזן אין יענע צייט, איז די פייער שנעל ארויפגעקראכן אויף די הויכע בערג, ווען עס פארברענט אלעס וואס זי טרעפט אן אינמיטן וועג.

אויף די שפיץ בערגל אנטקעגן די שטאט מודיעין עילית געפונט זיך דער שטעטל 'כפר אורנים'. יעצט זענען צענדליגער הייזער פון זיי געשטאנען גרייט צו פארברענט ווערן דורך די פייער. יעדע טעלעפאן רוף צו די פייער-לעשער האט באקומען די זעלבע ענטפער: מיר געפונען זיך שוין אויפן ארט... אבער עס האט נישט אויסגעפעלט א פאכמאנישע אויג צו פארשטיין אז די 'געשעפט' איז אויפן וועג צו פארלירן די קאנטראל.

אין די קומענדיגע צוויי שעה האט זיך די פייער שנעל צושפרייט ארום אלע בערג פון ארום און ארום, די לופט איז געווען דערשטיקט פון די געדעכטע רויעך, אבער די הויפט הארעוואניע פון די פייער-לעשער'ס איז געווען צו באשיצן די הייזער פון די דערנעבנדיגן שטעטל. אבער אגאנצע צייט וואס די ווינט האט שטארק געבלאזן האבן זיי גארנישט געקענט ראטעווען.

פון דערווייטנ'ס איז געהערט געווארן די הייזעריגע שטימע פון די מייקראפאן וואס האט אויסגערופן אז די איינוואוינער פון די שטעטל כפר אורנים זאלן אוועק גיין פון זייערע הייזער צוליב די פייער און די רויעך, און אריבער גיין צו א ספעציעלע פלאץ וואס מ'האט זיי צוגעגרייט אין די דערנעבנדיגע שטאט מודיעין. מ'קען זיך נאר פארשטעלן די שרעק וואס האט זיי ארום גענומען אין יענע מינוט, ווען יעדער איינער איז דערשראקן אויף זיין הויז וואס ס'קען ח"ו אינגאנצן פארברענט ווערן.

מיר געבן יעצט איבער די ווארט פאר הרב ר. שליט"א:

"פון מיין הויז האב איך געקוקט אויף די פייער-פלאמען וואס האבן זיך דערנענטערט צו די הייזער אין די שטעטל כפר אורנים, און פלוצלינג האב איך זיך דערמאנט פון יוסי. יוסי איז איינער פון די תלמידים וואס לערנען מיט א חברותא פון די כולל יונגעלייט, און זיין משפחה וואוינט אין איינע פון די מזרח-הייזער אין די שטעטל כפר אורנים, וואס לעבן יעצט אין א שרעק צוליב די שרעקליכע פייער. איך בין געווען זייער געזארגט אויף זיין פרידן און זייער הויז.

ארויסקוקנדיג פון פענסטער פון מיין הויז האב איך געזען די פלאמען וואס האבן שוין אנגעהויבן אפברענען די הייזער, און די זעקס פליגער'ס וואס דרייען זיך אין די לופטן אהער און אהין, וועלנדיג אפהאלטן די פייער זאל זיך נישט צושפרייטן צו די הייזער. אינמיטן האב איך ארויס גענומען מיין סעלפאון און איך האב געקלינגען צו יוסי.

איך האב עטליכע מאל געקלינגען ביז איך האב אים געקענט כאפן. פון די אנדערע זייט האט ער זיך געהערט זייער דערשראקן, 'הרב', האט ער מיר געזאגט, ווען ער שטרענגט אן זיין שטימע זאל געהערט ווערן העכער די טומל און שרעק פון ארום, 'ממש יעצט האט מען אונז אוועק געפירט קיין מודיעין, מיר האבן דארט אלעס איבערגעלאזט, לויט די שמועות געפונט זיך די פייער ארום אונזער הויז, און ווער ווייסט צי מיר וועלן האבן וואו צוריק גיין...'.

איך האב געטראכט ביי מיר וויאזוי קען איך אים בארואיגן אבער איך האב נישט געוואוסט מיט וואס, פלוצלינג, ווי פון הימל איז מיר ארויף געקומען א געדאנק: 'יוסי, אין די צייט וואס מיר רעדן קען ח"ו פארווירקליכט ווערן דיין שרעק... אשאד אויף יעדע סקונדע, איך האק שוין אפ די טעלעפאן און איך הייב שוין זאגן תהילים, צוזאמען מיט מיינע קינדער. איך בין דיר ממליץ זאלסט אויך אלעס אפלאזן און פשוט דאווענען...'.

איך האב זיך געזעגנט פון אים מיט א וואונטש פון טיפן הארץ אז די זארג זאל זיין א אומזיסטע זארג און קיין שאדן זאל אים נישט געשען און פאר זיין פאמיליע. באלד האב זיך אוועקגעזעצט דאווענען מיט מיינע קינדער. מיר האבן געזאגט איין קאפיטל נאכן צווייטן מיט כוונה און התעוררות, דורך די פענסטער האבן מיר געקענט זען ווי די פייער-לעשער טון אנווענדן אלע מיטלען פון די ערד און פון די לופט. מיר האבן פארגעזעצט צו דאווענען מיט געפיל און כוונה אויך ווען א געדעכטע רויעך האב פארשטעלט פון צו קענען זען די שטעטל.

נאר אין די מיטאג שעה'ן איז געלונגען פאר די פייער-לעשער צו באקומען די אויבערהאנט אויף די פייער וואס אינצווישן האט זי אנגעיאגט צו פארברענען זייער אסאך. די גרינע פאנאראמע צו וואס מיר זענען צוגעוואוינט געווען צו זען, איז געווארן פארשווארצט און אפגעברענט. מיר האבן זיך געפריידט צו הערן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף זענען מענטשן נישט געשעדיגט געווארן, אבער די גריסן וואס מיר האבן באקומען אז עטליכע היזער אין די שטעטל כפר אורנים זענען ארויף אין די פלאמען האט אוועק גענומען אונזער רואיגקייט.

איך בין נייגעריג געווען צו וויסן וואס האט פאסירט מיט די הויז פון יוסי, אבער איך האב געמוזט ווארטן מיט שפאנונג ביז זיין פאמיליע וועט זיך אהין צוריק קערן צו שאצן די שאדן.

א לאנגע צייט איז אריבער ביז איך האב געזען די טעלעפאן נומער פון יוסי אויף מיין טעלעפאן. איך האב באלד אויפגעהויבן. פון די אנדערע זייט איז געהערט געווארן די גערירטע שטימע פון יוסי: 'עס איז אומגלובליך! זיכער אז דאס איז נאר אין זכות פון די תפילות...!'.

קוים האב איך געקענט ארויסשלעפן פון זיין מויל עטליכע ווערטער וואס האבן מיר קלאר געמאכט דעם גרויסן נס. עס זעט אויס אז אין די צייט וואס איך האב געזאגט תהילים מיט מיינע קינדער אין מיין הויז, האט יוסי זיך אויך אוועק געזעצט מיט זיין פאמיליע אין די פלאץ וואו מ'האט זיי אהין געשיקט און געזאגט תהילים אויף זייער הויז עס זאל חלילה נישט פארברענט ווערן.

און דער נס איז טאקע געשען. אין די צייט וואס די הייזער, פון די רעכטע און לינקע זייט פון יוסי'ס הויז זענען שטארק געשעדיגט געווארן פון די פייער אדער אינגאנצן פארברענט געווארן, איז זיין הויז גארנישט געשעדיגט געווארן, ווי עס וואלט ארום גענומען געווען מיט ענני כבוד האט די פייער זיך דערווייטערט פון דארט און אריבערגעשפרינגען צו די קומענדיגע הויז.

מיר ביידע האבן געוואוסט דעם סוד וואס האט באשיצט זייער הויז פון די פייער. דאס איז געווען די תפילה וואס איז געזאגט געווארן פונקט אין די ריכטיגע מינוט און האט באשאפן א מויער וואס האט אפגעהאלטן די פייער ז' זאל נישט שעדיגן זייער הויז.

הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו.

עיצובים shay